בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תשא תשע"ז | פרשת פרה | גליון 401 [שנה ט']

**שבט לוי דארף דען ברענגען מחצית השקל?**

כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: (ל יב) שטייט אין מדרש (תנחומא כי תשא ג) וכן משה למד תורה לישראל, –משה לערנט די אידן די תורה– ונתן להם סדרי תורה ופרשיות שקוראין בהן בכל שבת ובכל חדש וחדש ובכל מועד והם מזכירים אותו בכל פרשה ופרשה, –און משה לערנט זיי אויס די סדרות און פרשות און אלע ימים טובים– ובפרשת שקלים אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע משאני מת אין אני נזכר ווען ער קומט צו פרשת שקלים זאגט משה נאך וואס ער וועט שטארבן ווער וועט מיר דערמאנען? א"ל הקב"ה חייך כשם שאתה עומד עכשיו ונותן להם פרשת שקלים ואתה זוקף את ראשן כך בכל שנה ושנה שקוראין אותה לפני כאלו אתה עומד שם. כי תשא את ראש, שָׂא את ראש לא נאמר –שטייט נישט– אלא כי תִשָּׂא אויף לעתיד. עכ"ל המדרש. דארף מען פארשטיין פארוואס דוקא ביי פרשת שקלים האט משה געזאגט אני מת ואין אני נזכר? נאר עס שטייט אין מס' (שקלים פ"א מ"ד) כל כהן שאינו שוקל חוטא זאגט תוס' (ערכין דף ד.) ווייל עס שטייט זה יתנו י"ב שבטים, י"ב איז בגימטריא זה. און נישט נאר כהן נאר לוי דארף אויך ברענגען מחצית השקל. און אין מס' (עבודה זרה דף ה.) שטייט אז די אידן האבן מקבל געווען די תורה כדי דער מלאך המות זאל נישט שולט זיין אויף זיי ווי עס שטייט, אֲנִי אָמַרְתִּי אֱלֹקִים אַתֶּם וּבְנֵי עֶלְיוֹן כֻּלְּכֶם, –חבלתם מעשיכם, דורך חטא העגל האט איר קיילע געמאכט דעריבער– אָכֵן כְּאָדָם תְּמוּתוּן וּכְאַחַד הַשָּׂרִים תִּפֹּלוּ. (תהלים פב ו ז) קומט אויס אז דורך קבלת התורה וואלט נישט געווען מיתה, אבער דער חטא העגל האט צוריק געברענגט מיתה. האט משה רבינו געמיינט אז וויבאלד שבט לוי האבן נישט געדינט דעם עגל קומט זיי נישט קיין מיתה. אבער אז משה האט געזען פרשת שקלים אז אלע אפילו שבט לוי דארפן ברענגען א מחצית השקל צו מכפר זיין אויפן חטא העגל קומט אויס אז שבט לוי האבן אויך א חלק אין דעם חטא ממילא קומט זיי אויך מיתה, דעריבער שטייט אין מדרש אז משה האט געזאגט דוקא ביי פרשת שקלים "אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע משאני מת אין אני נזכר" ווייל נאך זיין מיתה ווער וועט דערמאנען אין שפעטערדיגע דורות זיין נאמען ביי די מחצית השקל? האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז מען וועט אייביג זאגן די זענען די מחצית השקל וואס משה האט געהייסן נעמען.(בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**שמירת שבת דארף מען איבערגעבן מיט א געשמאק צו קינדער**

וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם: (לא טז) אלע מפרשים פרעגן וואס מיינט לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת? אויך דארף מען פארשטיין אויב דער פסוק וויל נאר מעורר זיין שמירת שבת דארף דאך נישט שטיין לְדֹרֹתָם? מוז מען זאגן אז די שמירת שבת דארף זיין אויף א אויפן וואס עס זאל ווערן ארייַנגעווארצלט אין דיינע קינדער ווייטער אויך די געשמאק פון היטן שבת, ווי עס איז ידוע וואס מען האט געפרעגט הגאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל פארוואס זענען די קינדער פון די אידן וואס זענען געקומען אין אמעריקא אין די פריערדיגע יארן וואס זענען געווען יראים ושלמים און געהאט מסירת נפש אויף שמירת שבת, –ווי באקאנט אז מען האט געדארפט זוכן יעדע פאר וואכן א נייע ארבעט אויב מען האט געהיטן שבת–, אבער די קינדער זענען נישט געבליבן שומרי שבת? און ער האט געענטפערט אז די טאטע'ס וואס האבן געזאגט פאר די קינדער ווי גוט און טייער איז צו היטן שבת אפילו עס איז געווען שווער פאר זיי, זענען די קינדער געבליבן שומרי שבת, אבער די עלטערן וואס האבן געקרעכצט און געזאגט עס איז שווער צו היטן שבת, האבן זייערע קינדער געזאגט אויב עס איז שווער איז דאס נישט פאר זיי, און האבן נישט געהיט שבת.. דאס קען זיין דער רמז אין פסוק וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת, מען זאל היטן דעם שבת און לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת מאכן דער שבת אז עס איז טייער און גוט, וועט זיין לְדֹרֹתָם די קינדער וועלן ווייטער זיין שומרי שבת. (שמח זבולון תשע"ז)

**יום השביעי איז הייליג פון זיך אליין**

וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם: (לא טז) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת עס וואלט געקענט נאר שטיין וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם? נאר מען קען זאגן אז די פוקרים און אפיקורסים זאגן אז דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט געהייסן היטן שבת איז כדי עס זאל זיין איין טאג א וואך מען זאל זיך אפרוהען פון די שווערע ארבעט פון א גאנצע וואך, און אזוי באקומט מען פרישע כוחות אויף ווייטער, ממילא לויט זייערע קרומע טענה קען מען דאך אויסקלייבן וועלכע טאג פון וואך זיך אפצורוהען ח"ו! קומט די תורה און זאגט די פרשה פון שמירת שבת אין מָרָה און אין מִדְבָּר וואס דארטן איז נישט געווען קיין חרישה און זריעה און פונדעסטוועגן הייסט דער אויבערשטער היטן דעם יום השביעי, ווייל נאר דער יום השביעי האט קדושת שבת און ווייל שבת איז הייליג, קודש קדשים, און א אות בְּרִית דארף מען רוהען אין שבת. דאס קען זיין פשט אין פסוק: וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת גלייך אין מדבר היטן ממילא וועט דאס ווייזן אויף לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם, אז ווען מען וועט שוין יא ארבעטן די זעקס טעג, איז שבת די אות ברית, און קודש פון זיך אליין, (כתב סופר)

**פארוואס האט משה זוכה געווען צו די קרני הוד און פון וואו?**

וְרָאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת פְּנֵי מֹשֶׁה כִּי קָרַן עוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה: (לד לה) שטייט אין מדרש פון וואו האט משה באקומען דער שיין – קרני הוד? און אויך וואס פאר א זכות האט משה געהאט אז ער זאל דאס באקומען? נאר פון די טינט פון אויבערשטן וואס משה האט געשריבן די תורה און עס איז געבליבן א פאר טראפן, און משה האט דאס געווישט אויף זיין שטערן און פון דעם איז געווארן דער קרני הוד. שטעלט זיך די תמיה איז דען שייך צו זאגן אז דער אויבערשטער האט דען נישט געגעבן פונקלאך גענוג טינט פאר די תורה, איז ווי איז איבערגעבליבן א ביסל טינט? אויך איז שווער מיט דעם איז נישט פארענטפערט מיט וועלכע זכות האט ער דאס געהאט? נאר אלע ווייסן אז משה רבינו האט געזאגט מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ (לב לב) און דער אויבערשטער האט אים נאכגעגעבן און נישט געשריבן די ווארט משה אין פ' תצוה, איז די טינט איז איבערגעבליבן, און אויך האט משה געשריבן וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד (במדבר יב ג) פון דעם ווארט עניו אן א יוד איז דא געווען טינט פאר א אות, ממילא וועגן זיין מסירת נפש פאר כלל ישראל האט ער זוכה געווען צו קרני הוד. (חנוכת התורה רבי ר' העשיל זצוק"ל)

מדור העובדות

## דורך טאן א חסד האבן זיי זוכה געווען צו א קינד א צדיק

אין די צייטן פון הייליגן בעל שם טוב זצוק"ל האט געוואוינט א איד, ר' גרשון יצחק, וואס האט געדונגען פון דער פריץ א קרעטשמע און אויך די רעכט פון כאפן פיש אין שטעטל פארן פריץ און אזוי האט ער זייער מצליח געווען. ער האט געלעבט גוט מיטן פריץ אסאך יארן ביז שפעטער איז אנגעקומען אין שטעטל א נייער גלח, א שונא ישראל, און געזוכט אונטער צוברענגען די פרנסה פון ר' גרשון יצחק. ר' גרשון יצחק האט געהאט א 12 יעריגן זון דוד, און דער גלח האט געלייגט א אויג אויף דעם דוד אים צו שמד'ן ח"ו, האט דער גלח געהאט א פלאן און איבער גערעדט דעם אלטן פריץ צו העכערן די שכירות פון גרשון יצחק אזא סכום וואס וואלט געווען אומעגלאך אז ער זאל דאס קענען באצאלן כדי דער גלח זאל קענען צונעמען דעם יונגן דוד, ווען ר' גרשון יצחק וועט נישט באצאלן זיין חוב. אין אנפאנג האט ר' גרשון יצחק זיך אנגעבארגט געלט און באצאלט אבער אין א שטיק צייט ארום האט ער שוין נישט געקענט באצאלן און דער גלח האט געפאדערט פון פריץ ער זאל אוועקנעמען זייער זון אלץ משכון, און אויך געווארנט אז אויב ביז א יאר וועט מען נישט באצאלן די חוב און די גרויסע רבית וועט מען אריינווארפן ר' גרשון יצחק מיט זיין ווייב אין תפיסה.

דער אלטער פריץ האט זיך געלאזט איינרעדן פון גלח און האט געלאזט מען זאל אוועקנעמען דוד אין קלויסטער. דער פריץ האט געהאט א זון וואס איז געווען א פארשטענדיגער און ר' גרשון יצחק האט פרובירט שתדלנות ביי אים אבער ער האט געזאגט ער קען נישט גיין אנקעגן זיין טאטן, נאר ער וועט זיי יא קענען איבערגעבן וואס עס טוט זיך מיט זייער זון. ר' גרשון יצחק האט נישט געהאט א ברירה און ער מיט זיין ווייב האבן שטארק מתפלל געווען. איין טאג האט דער יונגער פריץ געקומען זאגן אז דער גלח האט געוואלט צווינגען דוד זיך צו שמד'ן און דוד האט זיך געהאלטן, און דער גלח האט אים געשלאגן ביז ער האט געחלש'ט און מען האט גערופן א דאקטער.

די עלטערן האבן זיך שוין געזארגט אבער אביסל געפריידט אז זייער זון איז שטארק ביי זיך, אבער ווי לאנג וועט ער דאס קענען אויסהאלטן? ר' גרשון יצחק האט מחליט געווען אז ער וועט פארקויפן זיין זכות פון די קרעטשמע און פון כאפן די פיש פאר זייער א ביליגע פרייז כדי חאטש קענען ראטעווען זיין זון, אבער ווען דער גלח האט זיך דערוואוסט פון מקח איז ער געגאנגען צום גוי וואס האט דאס געקויפט און געזאגט ער זאל צוריק בעטן זיין געלט ווייל באלד וועט ער דאס קענען באקומען פאר אסאך ביליגער, און ר' גרשון יצחק האט געמוזט צוריק געבן די געלט.

אין א נאנטן שטאט, שַׁאַרֵיי, האט געוואוינט א איד ר' יעקב קֶרְפִּיל, א ירא שמים בתכלית, א זעלטענער בעל חסד, וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, און וועגן זיין מסחר פלעגט ער זייער אסאך ארום פארן. ר' גרשון יצחק האט אים געקענט פון זיין קרעטשמע און געוואוסט אז ער האט א גוטע הארץ,

[איינמאל האט ר' יעקב קֶרְפִּיל זיך באגעגנט מיט הרה"ק ר' הירש ליב וואס איז געווען פון די חברייא פון ר' אדם בעל שם פון ראפשיץ און שפעטער פון הייליגן בעש"ט, און ר' יעקב קֶרְפִּיל זעט ווי ר' הירש ליב זאגט עפעס און פרעגט וואס ער זאגט? און ער האט געענטפערט אז ער חזרט משניות, האט אים ר' יעקב קֶרְפִּיל געבעטן ער זאל אים אויסלערנען תורה און ר' הירש ליב האט אים געזאגט ווען זיי קומען צוריק אין שטאט שַׁאַרֵיי וועט ער אים אויסלערנען תורה און אזוי איז געווען, און ר' יעקב קֶרְפִּיל האט זיך צו געטשעפעט צו די חשובע חבירים פון ר' הירש ליב און האט געשטיגן אין תורה און עבודה.]

האט ר' גרשון יצחק מחליט געווען אז ער וועט פארן צו ר' יעקב קֶרְפִּיל אין שַׁאַרֵיי אז ער זאל אים העלפן. אבער ווען ר' גרשון יצחק איז געווען גרייט צו גיין האט ער זיך דערוואוסט אז דער גלח קוקט אים נאך און איז געלאפן צום פריץ און געזאגט אז ר' גרשון יצחק זוכט צו אנטלויפן. ווען ר' גרשון יצחק איז געקומען צום פריץ האט ער געזאגט אז ער גייט צו זיינע ידידים זיי זאלן אים העלפן באצאלן די חובות, און אויך אז ער לאזט דאך איבער זיין זון, וועט ער זיכער צוריקקומען! דער פריץ האט פארשטאנען און אים געלאזט פארן.

ווען ר' גרשון יצחק איז אנגעקומען צו ר' יעקב קֶרְפִּיל און האט דערציילט וואס האט פאסירט האט דאס אים זייער באנומען און ער מיט זיין ווייב האבן געזאגט אז זיי וועלן טאן אלעם וואס זיי קענען. זיי האבן מחליט געווען אז זיי וועלן אלעם פארקויפן צו קענען טאן אזא חסד. און אזוי איז געווען און זיי האבן געברענגט די געלט פאר ר' גרשון יצחק. ער האט געמאכט א חשבון אז די געלט איז מער ווי גענוג און האט זיי געדאנקט און איז אהיים געפארן צוזאמען מיט ר' יעקב קֶרְפִּיל. ווען זיי האבן געברענגט די געלט פארן פריץ האט ער זיך זייער געפריידט. אבער דער גלח האט נישט געוואלט ארויסגעבן זייער דוד פאר זיי! אבער ר' יעקב קֶרְפִּיל איז געווען א אנגעזענער סוחר און געווען נאנט צו די מלוכה און דער גלח האט געמוזט ארויסגעבן דוד. ר' יעקב קֶרְפִּיל האט אויך געפועלט ביים אלטן פריץ אז ער זאל צוריקגיין אין שכירות אזוי ווי עס איז געווען פריערט און דער פריץ האט מסכים געווען. מען האט אוועק געשיקט דוד אין א ווייטן ארט ער זאל גיין לערנען.

דערווייל איז ר' יעקב קֶרְפִּיל געווארן א גרויסער בעל חוב און דאס האט געשאט זיין געזונט. איין טאג איז דער צדיק ר' הירש לייב אנגעקומען צו ר' יעקב קֶרְפִּיל מיט א שליחות פון הייליגן בעש"ט, אז אין הימל איז געווען זייער חשוב די מעשה החסד און פדיון שבויים וואס ער און זיין ווייב האבן געטאן, דעריבער וועט מען דיר שענקען א זון וואס וועט זיין א גאון און א צדיק. אויך האט ער איבערגעגעבן א זעקל געלט וואס דער בעש"ט האט געשאפט פאר אים, לייכטער צו מאכן די חובות און זיך צוריקשטעלן אויף די פיס. יענע יאר איז געבוירן ביי זיי א זון מיטן נאמען יוסף יצחק, א גאון און א צדיק. [ער האט חתונה געהאט מיט די שוועסטער פון הרה"ק ר' ברוך די טאטע פון בעל התניא.]


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, ספר עמוד העבודה עם ב' חתימות ר' זוסא בהרב ר' אהרן מטשרנאביל $1800, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהארנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, רחובות הנהר אויף הגדה של פסח, הגדה שבח פסח $800, הגדה מעלה בית חורין $2000, און הונדערטער הגדות נייע און אלטע

4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at ***WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵׁמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטום'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים און סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר,